

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' נשא
תשפ"א לפ"ק
גליון קי"ע

## פראגע

**דער רב האט געזאגט אז וואלד-פייערן האבן א וויכטיגע תכלית, צו פארברענעןביימער וואס זענען אינפעסטירט מיט דעזיזעס. פארוואס ווערן אבער אויך פארברענט ביימער וואס זענען נישט אינפעסטירט?**

## ענטפער:

ווען עס ברענט א וואלד-פייער, גייט עס על פי **חוקי הטבע** און עס פארברענט אלעס. לאמיר זאגן אז אין א צייט ווען מענטשן פארלאזן ח"ו די תורה וואלט דער אויבערשטער בלויז זיי באשטראפט, אבער די פרומען אידן וואלטן געבליבן אומבארירט. לאמיר זאגן אז יעדער איינער וואס וואלט געריכערט שבת וואלט תיכף אראפגעפאלן טויט, און אלע אנדערע וואלטן געבליבן. מענטשן וואלטן אויפגעהערט צו רייכערן אום שבת, קיין שום פראגע. און דערפאר וואלט נישט געקומען קיין שום שכר פאר דעם.

דא איז א וועלט וואו מיר ווערן געפריאווט, און דער נסיון איז ווען מען זעט נישט קיין חילוק צווישן צדיקים און רשעים. עס מאכט אונז טראכטן: ווער ווייסט וואס עס גייט געשען צו אונז? אפשר וועלן מיר אויך איבערלעבן אפילו מיר האלטן נישט קיין מצוות, אויב זעען מיר אז אסאך רשעים בלייבן. ווען דעם זאגט השי"ת "כיון שניתן רשות למשחית" – ווען דער משחית באקומט רשות, "אינו מבחין" – מאכט ער נישט קיין חילוק און ער צעשטערט אלעס (בבא קמא, ס' ע"א).

ערשטנס כל, ווייל ס'איז דער נאטירליכער וועג אזוי צו טון. דער אויבערשטער האט **געזעצן**. פייער איז פייער; דאס איז איין יסוד. און א צווייטע זאך איז, אויב דו ווייסט אז די מעשים פון די רשעים וועלן דיר אויך אפעקטירן, האסטו א שטיקל התעוררות צו פרובירן צו ארבעטן אז זיי זאלן תשובה טון. דו ביזט מער אינטערעסירט צו טויש די זינדיגע צווישן אונז און זיי צוריקברענגען צו תורה, ווייל פון עבירות ליידט יעדער חס ושלום אויב עפעס קומט. דערפאר איז דער יסוד העכסט וויכטיג אין מעודד זיין גוטע מענטשן צו משפיע זיין אויף די וועלכע זענען נישט גוט.

## פראגע

**וואס איז די בעסטע וועג צו באהאנדלען סטרעס און אנגעצויגנקייט?**

## ענטפער:

דאס איז צו א גרויסע פארלאנג פאר א מענטש ווי מיר...

**אויב** עס האט נישט קיין שום פיזישע גורם – אודאי דארף מען דאס די ערשטע אויסגעפונען, צי ס'איז נישט דא קיין פיזישע גורם – דאן איז נומער איינס: **שלאף**. שלאפט וויפיל איר קענט. שלאף איז א מעטאד פון צאמנייען די צעריסענע נערוועז. **שלאף איז זייער א גרויסע רפואה** פאר כמעט יעדן וואס איז אין סטרעס און אנגעצויגנקייט.

נומער צוויי: נאך שלאפן איז די קומענדיגע זאך צו **זיין פארנומען**. "הבטלה מביאה לידי שעמום" – ליידיגגיין ברענגט צו צעמישעניש. ווען דעם איז וויכטיג צו טרעפן עפעס צו טון. צי ס'איז א וועג פון פארדינען געלט, אדער טון גמילת חסדים, העלפן די קראנקע אין שפיטעלער, גיין צו ישיבות און וואלונטירן פאר סערוויסעס – טו עפעס! אויב איר קענט אויפטון עפעס, מאכן געלט אויך; דער עיקר איז עפעס צו טון.

פאר הערות שיקט אן אימעיל צו RebAvigdorAnswers@gmail.com

נומער דריי: ס'איז זייער וויכטיג צו האבן אין מח – מחשבות. ווען איר זענט אנגעשטרענגט, **טראכט**! פארגלייכט אייך צו אנדערע מענטשן וועלכע זענען ווייניגער גליקליך. ווענן דעם איז א גוטע זאך ווען איר זענט אנגעשטרענגט צו גיין צו א לויה, אדער צו א בית החיים, און שטייט און קוקט. יעדער איינער וואס גייט צו א לויה גייט אוועק פרייליך. דאס איז א כלל גדול! טראכט ווענן אלע פארקריפלטע. גיי דורך א שפיטאל, זע די מענטשן וואס זיצן ארום, זיי קענען נישט אויפהייבן זייערע הענט, זיי קענען נישט אליינס עסן, אסאך מענטשן האבן פייפס אין זיי; געב אוועק צייט דאס צו שטודירן. ווען איר גייט ארויס, איך גאראנטיר אייך אז א גרויס חלק פון אייער סטרעס וועט זיין אויס.

איך וועל איבערזאגן די דריי זאכן. כאטש איך בין נישט קיין עקספערט אויף דער נושא, אבער איך בין זיכער אז די דריי זאכן קען נישט ברענגען קיין שאדן.

שלאפט וויפיל נאר מעגליך.

מאכט זיכער זיך צו האלטן פארנומען כדי אוועקצונעמען אייער מח פון די נארישע זאכן וואס באדערן; זיי פארנומען. קוקט אייך ארום אויף אומגליקליכע מענטשן אויף דער וועלט, עס זענען נעבעך דא אזוי פיל, און זעט פון וואס איר זענט אפגעשוינט געווארן; אלע צרות, אלע יסורים, אלע זייערע שוועריקייטן... און איר וועט אנהייבן צו שפירן ווי גליקליך איר זענט.

איך בין זיכער אז אביסל פון די אנגעצויגנקייט וועט דורכדעם ווערן בארואיגט.

## פראגע

## זאל א מענטש דערציילן זיין גוט מזל ברבים, אדער נישט?

## ענטפער:

די גמרא זאגט אז אויב א מענטש טוט געשעפטן מיט א חפץ וואס **קוקט אויס גרויס** – לאמיר זאגן א מענטש פארקויפט גרויסע בלומען-טעפ – מען מאכט נישט אזויפיל געלט דערפון, אבער ער זאל אכטונג געבן עס נישט ארויסצושטעלן אינדרויסן אויפ'ן סיידוואלק, חוץ טאמער ער האט נישט קיין ברירה. ווייל מענטשן וואס גייען דורך און זעען גרויסע בלומען-טעפ טראכטן אז ער איז א מיליאנער! זיי שטעלן זיך נישט אפ אריינטראכטן אז די ריוח דערפון איז גאנץ קליין. דער געדאנק איז: פרוביר צו באהאלטן דיין רייכטום פון אנדערע; דאס איז א כלליות'דיגער יסוד.

פארוואס? עס טוט ווי פאר מענטשן צו זען א צווייטנ'ס הצלחה; מען קען זיך נישט העלפן. אויב דו שטייסט אויפ'ן גאס און דו ציילסט אפ דיין געלט, לאמיר זאגן מ'דארף נישט מורא האבן פון קיין גנבים – אודאי וואלט עס קיינער נישט געטון היינט צו טאגס, אבער לאמיר זאגן דו ציילסט געלט אין א פלאץ וואו נאר צדיקים גייען – האסטו אן עבירה, ווייל דו טשעפעסט געפילן פון מענטשן... חוץ טאמער דו ציילסט פעניס. במילא דארף מען אכטונג געבן.

אויב אבער געפונט מען זיך בקהל צדיקים, צווישן ערליכע מענטשן וואס ווילן **הערן** וויאזוי דער אויבערשטער העלפט ערליכע מענטשן, קענט איר רעדן. איר דארפט אבער זייער אכטונג געבן ווער די מענטשן זענען. אזוי ווי עס שטייט "גדלו לד' אתי ונרוממה שמו יחדיו". דוד האט געזאגט, "מאכט גרויס דעם אויבערשטן מיט מיר, און **צוזאמען** וועלן מיר אויפהייבן זיין נאמען." "דרשתי את ד' ועונני" – איך האב געזוכט דעם אויבערשטן און ער האט מיר געענטפערט! "ומכל מגורותי הצלני" – און פון אלע פחדים האט ער מיר געראטעוועט. דאס האט דוד געזאגט, כדי צדיקים זאלן זען און זיך פרייען. דוד האט צאמגענומען צדיקים און זיי דערציילט די נסים וואס איז געשען צו אים אין זיין לעבן, וויאזוי ער איז געראטעוועט געווארן.

דערפאר, אויב זענט איר אינעם בוזעם פון אייער פאמיליע, צווישן אייערע אייגענע קינדער, קענט איר זיי דערציילן וואס עס איז געשען ווען איר זענט געווען א קינד, וויאזוי דער אויבערשטער האט אייך געהאלפן, אדער אנדערע חסידים וואס איר האט געהאט, און צווישן די משפחה "זמרו לד' חסידיו" – וועלן זיי אלע זינגען צום אויבערשטן און דאנקען אויף וואס ער האט געטון צו דיר.

אלזא, עס ווענד זיך צו וועם מען רעדט. אודאי פאר זיך אליינס דארף מען אלעמאל אויסרעכענען די חסדי ד', און אלע פרטים פון אייער גוט מזל. זאלן אלע מענטשן ערלויבט ווערן צוצוהערן? עס ווענד זיך ווער זיי זענען.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

סידור ועימוד ע"י מערכת להתענג וכל הזכויות שמורות

# אין אלע ספרים געשעפטן!




## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1
א וואך
מועדים $3

בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער שמחה, שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

**עונג שבת/גוט שבת** שע"י **מערכת להתענג**

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב